נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר"ר ישעיה ז"ל בן יבלחט"א הר"ר אהרן הכהן הי"ו

# זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ מִיטְן פֵּירוּשׁ מָתוֹק מִדְּבַשׁ אוֹיף דֶי פַּרְשָׁה

אוֹיף אִידִישׁ

יו"ל בעזהשי"ת ע"י מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים
עלון מס' 45
פרשת שופטים תשפ"א

לוח עמוד היומי בזוה"ק לפרשת כי תצא

חלק ד - פרשת ויחי

| יום | ווילנא | מתוק מדבש |
| --- | --- | --- |
| ראשון | רכא ע"ב | תמה |
| שני | רכב ע"א | תנ |
| שלישי | רכב ע"ב | תנו |
| רביעי | רכג ע"א | תסא |
| חמישי | רכג ע"ב | תסו |
| שישי | רכד ע"א | תעג |
| שב"ק | רכד ע"ב | תעט |

## הנסים בגאולה העתידה ע"י משה רבינו, שהוא יהיה הגואל

**אָמַר בּוּצִינָא קַדִּישָׁא** אמר המאור הקדוש שהוא רבי שמעון, למה הוצרך משה לראות בסנה את ענין זה [רמז שריפת כח הסט"א], כי בזה רמוז גאולת ישראל ממצרים, כי **וַדַּאי יִשְׂרָאֵל אִינּוּן עֵצִים יְבֵשִׁים בְּאוֹרַיְיתָא** במצרים היו ישראל כעצים יבשים בלי לחלוחית מימי התורה, **בְּגִין דַּאֲחִידוּ בְּאֵשׁ דְּהֶדְיוֹט** לפי שאחזו ונדבקו בגילולי מצרים שהוא אש הדיוט דס"מ וסייעתו, ונתרחקו מתורת יעקב אבינו, **לָאו אִינּוּן כְּדְקָא חָזֵי לְמֶעְבַּד בְּהוֹן נִיסָּא** לכן לא היו ראוים לעשות להם נסים, **מִיַּד דְּאַנְתְּ נְחִיתַת עֲלַיְיהוּ בְּאוֹרַיְיתָא** מיד שאתה ירדת עליהם עם התורה שבבחינת התפארת, שהיא כמים המלחלחים את האברים, **בְּגִינָךְ נָחַת עֲלַיְיהוּ אִילָנָא דְּחַיֵּי** בשבילך ירד עליהם עץ החיים, היינו בחינת התפארת שהוא התורה שבכתב, **וּמִצְוָה** שהיא המלכות [השכינה], **דְּאִיהוּ נֵר יהו"ה** שהיא נר הוי"ה, דהיינו תורה שבעל פה, **וַאֲחִידַת בְּהוֹן** ואוחזות בהם על ידי מדתך שהיא עץ החיים, ועל ידי זה **וְיֵהוֹן חַיִּין** וישארו בחיים ולא יהיו כלים עם המצרים, וכן גאולה העתידה צריכה להיות על ידי משה בבחינת התפארת, ובבחינת המלכות, **וְאוּמִּין דְּעָלְמָא אִתּוֹקְדָן בְּהַהוּא נֵר** ואומות העולם יהיו כלים ונשרפים באור התורה, אבל ישראל יעשו להם נסים בזכות משה רבינו סוד עץ החיים, **וְהַאי אִיהוּ דְּאָמַר נָבִיא** וזהו מה שאמר הנביא **וְאַתָּה אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב וְאַל תֵּחַת יִשְׂרָאֵל כִּי אִתְּךָ אָנִי**, כי אעשה כלה בכל הגוים אשר הדחתיך שמה, ואותך לא אעשה כלה וגו'.

(דף עדר ע"ב ברע"מ, ובביאורינו כרך טו עמ' רה)

ע"ט

### דִי נִיסִים בַּיי דִי קוּמֶענְדִיגֶע גְאוּלָה - דוּרְךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר וֶועט זַיין דֶער אוּיסְלֵייזֶער

**הָאט** גֶעזָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאלַייכְטֶער וָואס עֶר אִיז רַבִּי שִׁמְעוֹן, פַארְוָואס הָאט מֹשֶׁה גֶעדַארְפְט זֶען אִין סְנֶה אָט דֶעם עִנְיָן [דֶעם רֶמֶז וִוי עֶס וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט דֶער כֹּחַ הַסִּטְרָא אַחֲרָא], וַוייל אִין דֶעם אִיז מְרוּמָז דָאס אוּיסְלֵייזוּנְג פוּן דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וַוייל אִין מִצְרַיִם זֶענֶען דִי אִידְן גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי טְרוּקֶענֶע הֶעלְצֶער אָן קַיין פַייכְטְקַייט פוּן דִי וַואסֶערְן פוּן דִי תּוֹרָה, וִוייבַּאלְד זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהַאלְטְן אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען צוּגֶעקְלֶעבְּט אִין דִי גֶעטְשְׁקֶעס פוּן מִצְרַיִם וָואס דָאס אִיז דֶער אֵשׁ הֶדְיוֹט פוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן זַיין גְרוּפֶּע, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דִי תּוֹרָה פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי נִישְׁט גֶעוֶוען וֶוערְד אַז מֶען זָאל טוּן פַאר זֵיי נִסִּים, אָבֶּער גְלַייךְ וֶוען דוּ הָאסְט אַרָאפְּגֶענִידֶערְט אִיבֶּער זֵיי מִיט דִי תּוֹרָה וָואס אִיז בִּבְחִינַת הַתִּפְאֶרֶת, וָואס זִי אִיז אַזוֹי וִוי וַואסֶער וָואס מַאכְן פַייכְט דִי גְלִידֶער, וֶוענְן דִיר אִיז אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען אִיבֶּער זֵיי דֶער עֵץ הַחַיִּים, דָאס אִיז דִי בְּחִינַת הַתִּפְאֶרֶת וָואס דָאס אִיז דִי תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב, אוּן דִי מִצְוָה וָואס זִי אִיז דִי מַלְכוּת [דִי שְׁכִינָה], וָואס דָאס אִיז דֶער נֵר הֲוָיָ"ה, דָאס הֵייסְט דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהַאלְטְן אִין זֵיי דוּרְךְ דַיין מִדָּה וָואס דָאס אִיז עֵץ הַחַיִּים, אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי בְּלַייבְּן לֶעבְּן אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט פַארְלֶענְדְט וֶוערְן מִיט דִי מִצְרִים, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי צוּקוּנְפְטִיגֶע גְאוּלָה דַארְף זַיין דוּרְךְ מֹשֶׁה מִיט דִי בְּחִינַת הַתִּפְאֶרֶת, אוּן מִיט דִי בְּחִינַת הַמַּלְכוּת, אוּן דִי פֶעלְקֶער פוּן דִי וֶועלְט וֶועלְן פַארְלֶענְדְט וֶוערְן אוּן פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן מִיט דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דִי תּוֹרָה, אָבֶּער פַאר דִי אִידְן וֶועלְן גֶעטוּן וֶוערְן נִסִּים אִין זְכוּת פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דֶער סוֹד עֵץ הַחַיִּים, אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער נָבִיא הָאט גֶעזָאגְט, "וְאַתָּה אַל תִּירָא עַבְדִּי יַעֲקֹב וְאַל תֵּחַת יִשְׂרָאֵל כִּי אִתְּךָ אָנִי, כִּי אֶעֱשֶׂה כָלָה בְּכָל הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הִדַּחְתִּיךָ שָׁמָּה, וְאוֹתְךָ לֹא אֶעֱשֶׂה כָלָה". אוּן דוּ הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא מַיין קְנֶעכְט יַעֲקֹב אוּן צִיטֶער נִישְׁט יִשְׂרָאֵל, וַוייל אִיךְ בִּין מִיט דִיר, אוּן אִיךְ וֶועל מַאכְן פַאר לֶענְדְן דִי אַלֶע פֶעלְקֶער וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר פַאר וָוארְפְן צְוִוישְׁן זֵיי אוּן דִיר וֶועל אִיךְ נִישְׁט פַאר לֶענְדְן וגו'.

# גוף האדם נקרא בית לנשמה

**אוקְמוּהּ מָארֵי מַתְנִיתִין** ובשביל זה אמרו חכמי המשנה (במס' תענית דף יא ע"א) **מִי מֵעִיד עַל הָאָדָם** למעלה מה שעשה בסתר, **קוֹרוֹת בֵּיתוֹ** שהם קירות לבו שמעידים עליו שחטא בכונה ובמחשבה, **וְלֹא עוֹד** ולא די בעד אחד, **אֶלָּא אַנְשֵׁי בֵיתוֹ מְעִידִין עָלָיו** שהם רמ"ח אבריו מעידים עליו שחטא במעשה, והם שני עדים, כי אם חטא רק במחשבה הרי מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה, וכן אם חטא בשוגג במעשה בלא כונה גם כן אינו נענש עליו, ומפרש **מַאי קוֹרוֹת בֵּיתוֹ** מה הפירוש של קירות ביתו, ואמר **אִינּוּן קִירוֹת לִבּוֹ** הם קירות לבו שעל זה נאמר **וַיַּסֵּב חִזְקִיָּהוּ פָּנָיו אֶל הַקִּיר, וְאוּקְמוּהּ רַבָּנָן** ואמרו חכמים (במס' ברכות דף י ע"ב) **מְלַמֵּד שֶׁהִתְפַּלֵּל חִזְקִיָּהוּ מִקִּירוֹת לִבּוֹ.**

ואמר כי **אַנְשֵׁי בֵיתוֹ, אִינּוּן רמ"ח אֵבָרִים דִּילֵיהּ** אלו הם הרמ"ח אברים של האדם, כי גוף האדם נקרא בית להנשמה, והיינו העצמות, כי קיימא לן כל אבר שאין בו עצם אינו אבר, ואמר **דְּהָכִי אוּקְמוּהּ מָארֵי מַתְנִיתִין** כי כך אמרו חכמי המשנה (בפ' ויקרא דף טז ע"ב ברע"מ) **רָשָׁע עֲוֹנוֹתָיו חֲקוּקִים עַל עַצְמוֹתָיו** לפי שעצמות האדם הם כלי המעשה הגומרים את העון, לכן בהם יצטייר העון והם יעידו על האדם, **וְהָכִי צַדִּיק** וכך הוא בצדיק, כי **זָכִיּוֹתָיו חֲקוּקִים לוֹ עַל עַצְמוֹתָיו** שהם היו כלי מעשה לגמור המצות, **וּבְגִין כָּךְ אָמַר דָּוִד** בשביל זה אמר דוד המלך, **כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה** שכולם היו טהורים בלי שום עון, והיו ראויות לשבח ולומר "ה' מי כמוך", **וּבְגִינֵהּ אִתְּמַר** ובשביל הצדיק למדנו (במס' תענית שם) **וּמִי מְעִידִין עַל הָאָדָם, קוֹרוֹת בֵּיתוֹ** היינו העצמות, כי עליהם היא משענת הגוף, והם **גַּרְמִין בְּנוּיִין עַל מוֹחָא דְּאִיהוּ מַיָּא** העצמות הבנויים על המוח שהוא מים, והם עצמות חיות האדם, ואפילו עליות העליונות הם מקורות במים, שהוא סוד המוח שעליו שורה הנשמה, וממנו מתפשט המוח בכל העצמות שהם פנימיות הגוף ועיקרו, **וַעֲלַיְיהוּ קָא רָמִיז** ועליהם רמז דוד המלך, במה שאמר **הַמְקָרֶה בַמַּיִם עֲלִיּוֹתָיו** עושה תקרת עליותיו במים, הרי **הַמְקָרֶה לָשׁוֹן קִירוֹת** היינו לשון קיר ותקרה. (דף ערה ע"א ברע"מ, ובביאורינו כרך טו עמ' רה-רז)

ע"ט

## דֶער גוּף פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ הוֹיז פַאר דִי נְשָׁמָה

**און** וֶועגְן דֶעם הָאבְּן דִי חַכְמֵי הַמִּשְׁנָה גֶעזָאגְט (אין מס' תַּעֲנִית דף יא ע"א), וֶוער וֶועט עֵדוּת זָאגְן אוֹיפְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, דִי בַּאלְקֶענֶעס פוּן זַיין הוֹיז, וָואס זֵיי זֶענֶען דִי וֶוענְט פוּן זַיין הַארְץ וָואס זֵיי וֶועלְן עֵדוּת זָאגְן וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין זַיין גֶעדַאנְק און בְּמַחְשָׁבָה, און עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אֵיין עֵד, נָאר אוֹיךְ זַיינֶע הוֹיז-מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען זַיינֶע רְמַ"ח אֵיבָרִים וֶועלְן עֵדוּת זָאגְן אוֹיף אִים וָואס עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט בְּמַעֲשֶׂה, און דָאס זֶענֶען צְוֵויי עֵדִים, וַוייל אוֹיבּ הָאט עֶר גֶעזִינְדִיגְט נָאר בְּמַחְשָׁבָה, טוּט דָאךְ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט רֶעכֶענֶען אַ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה פַאר אַ מַעֲשֶׂה, און אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ הָאט עֶר גֶעזִינְדִיגְט אוּמְוִוילְנְדִיג בְּמַעֲשֶׂה אָן כַּוָּנָה, וֶוערְט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט בַּאשְׁטְרָאפְט דֶערְפַאר. פְרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וָואס מֵיינְט דִי בַּאלְקֶענֶעס פוּן זַיין הוֹיז, און דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶנְטְפֶערְט, דָאס זֶענֶען דִי וֶוענְט פוּן זַיין הַארְץ, וָואס אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיַּסֵּב חִזְקִיָּהוּ פָּנָיו אֶל הַקִּיר", און חִזְקִיָּהוּ הָאט אוֹיסְגֶעדְרֵייט זַיין גֶעזִיכְט צוּ דֶעם וַואנְט, און דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזָאגְט (אין מס' בְּרָכוֹת דף י ע"ב) אַז דָאס מֵיינְט אַז חִזְקִיָּהוּ הָאט גֶעדַאוְונְט פוּן דִי וֶוענְט פוּן זַיין הַארְץ.

**און** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט וַוייטֶער אַז זַיינֶע הוֹיז-מֶענְטְשְׁן, דָאס זֶענֶען דִי רְמַ"ח אֵבָרִים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וֵוייל דֶער גוּף פוּן דֶעם פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ הוֹיז פַאר דִי נְשָׁמָה און דָאס מֵיינְט דִי בֵּיינֶער וַוייל עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אַז יֶעדֶער גְלִיד וָואס הָאט נִישְׁט קַיין בֵּיין אִיז נִישְׁט קַיין גְלִיד, וַוייל אַזוֹי זָאגְן דִי חַכְמֵי הַמִּשְׁנָה, אַז דֶער רָשָׁע זֶענֶען זַיינֶע זִינְד אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף זַיינֶע בֵּיינֶער, וְוִיבַּאלְד דִי בֵּיינֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען דִי כְּלֵי הַמַּעֲשֶׂה וֶועלְכֶע פִירְן אוֹיס דֶעם זִינְד, דֶערִיבֶּער וֶועט אִין זֵיי אוֹיסְגֶעמָאלְט וֶוערְן דֶער זִינְד און זֵיי וֶועלְן עֵדוּת זָאגְן אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, און אַזוֹי אִיז עֶס אוֹיךְ בַּיי אַ צַדִּיק, אַז זַיינֶע זְכוּתִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעקְרִיצְט בַּיי אִים אוֹיף זַיינֶע בֵּיינֶער, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דִי כְּלֵי הַמַּעֲשֶׂה אוֹיסְצוּפִירְן דִי מִצְוֹת, און וֶועגְן דֶעם הָאט דָּוִד הַמֶּלֶךְ גֶעזָאגְט "כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה", אַלֶע מַיינֶע בֵּיינֶער וֶועלְן זָאגְן, וַוייל זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען לוֹיטֶער אַן קַיין שׁוּם זִינְד, און זֶענֶען גֶעוֶוען וֶוערְד צוּ לוֹיבְּן און זָאגְן "ה' מִי כָמוֹךָ", הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶוער אִיז אַזוֹי וִוי דִיר, און אִיבֶּערְן צַדִּיק הָאבְּן מִיר דָארְט גֶעלֶערְנְט, וֶוער זָאגְט עֵדוּת אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, דִי בַּאלְקֶענֶעס פוּן זַיין הוֹיז, דָאס זֶענֶען דִי בֵּיינֶער, וְוִיבַּאלְד אוֹיף זֵיי אִיז דָאס אָנְלַאנוּנְג פוּנֶעם קֶערְפֶּער, און זֵיי זֶענֶען דִי בֵּיינֶער וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעבּוֹיט אוֹיפְן מֹחַ וָואס אִיז וַואסֶער, און זֵיי זֶענֶען דִי בֵּיינֶער דִי חִיוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, און אֲפִילוּ דִי עֲלִיּוֹת הָעֶלְיוֹנוֹת אִיז זֵייעֶר מְקוֹר אִין וַואסֶער, וָואס דָאס אִיז דֶער סוֹד הַמּוֹחַ וָואס אוֹיף אִים רוּט דִי

# סוד ענין חקיקת העונות על עצמות האדם

ושואל **וְאַמַּאי בְּגַרְמִין יַתִּיר מִבִּשְׂרָא וְגִידִין וּמִשְׁכָא** למה חקוקים הזכיות של הצדיק על העצמות יותר מבבשר וגידים והעור, הלא גם הם זכו יחד עם העצמות, ומשיב **בְּגִין דְּגַרְמִין אִינוּן חִוָּורִין** לפי שהעצמות הם לבנים, כי העצמות והמוח שבתוכם נמשכים מן המוח שבראש לכן הם לבנים, **וּכְתִיבָא אוּכָּמָא לָא אִשְׁתְּמוֹדְעָא אֶלָּא מִגּוֹ חִוָּורוּ** וכתב שכותבים בדיו שחור אינו ניכר אלא מתוך נייר לבן, לכן על עצמות הלבנים חקוקים הזכיות של הצדיק. **כְּגַוְונָא דְּאוֹרַיְיתָא דְּאִיהִי חִוָּורוּ מִלְּגָאו** כמו התורה ששורשה מן החכמה שהקלף הוא לבן מבפנים, **אוּכָּם מִלְּבַר** והכתב בדיו הוא שחור מבחוץ, ואמר שגם על בחינות חכמה ובינה יצדק הענין של **אוּכָּם וְחִוָּור** שחור ולבן, שהם כמו **חֹשֶׁךְ וְאוֹר** שהם דין ורחמים, שהם בחינות חכמה ובינה.

ואמר שענין הנזכר יצדק גם בזכיות החקוקות בעצמות הצדיק, אך מעשה הרשעים נחקקים בבחינה הב׳ של השחרות שהוא במלכות הקרובה אל החיצונים, וזה שאמר **וְאִית חֹשֶׁךְ תְּכֵלֶת** ויש חשך שהוא תכלת לשון כליון, ובחינה זו כותבת העונות, **וְאִתְּמַר בֵּיהּ** ונאמר בו **גַּם חֹשֶׁךְ לֹא יַחְשִׁיךְ מִמֶּךָ** דהיינו מפי עליון לא תצא הרעות, ואמר כי לעולם **וּתְכֵלֶת אוּכָּם אִיהוּ נוּקְבָא לְגַבֵּי חִוָּורוּ** תכלת הנוטה לגוון שחור, היא בחינת נקבה, דהיינו בחינת דינים, כנגד הלבן שהוא בחינת רחמים.

**וְלֹא עוֹד** ולא רק בשביל טעם הנזכר חקוקים עונות הרשע על עצמותיו, **אֶלָּא דְּגוּפָא עַל גַּרְמִין עָתִיד לְמֵיקַם** אלא מחמת שהגוף עתיד לקום עם העצמות שנשארו בקבר, **וּבְגִין דָּא זַכְווֹי וְחוֹבוֹי חֲקוּקִין עַל גַּרְמִין דִּילֵיהּ**

ע״ט

נְשָׁמָה, און פון אים וועט דער מוֹחַ צוּשְׁפְּרייט אין אַלֶע בֵּיינֶער וואס זיי זענען די אינערליכע טייל פונעם גוף און זַיין עִיקָר, און אויף זיי האט דָוִד הַמֶלֶךְ מְרַמֵז געווען זאגנדיג "הַמְקָרֶה בַמַיִם עֲלִיוֹתָיו", ער מאכט די דאך פון וואסער, זעט מען אַז "הַמְקָרֶה" איז אַ לָשׁוֹן פון "קִירוֹת", דאס מיינט אַ וואנט און אַ דאך.

## דער סוד פונעם עִנְיָן וואס די זינד ווערן אויסגעקריצט אויף די ביינער פונעם מענטש

**פְּרֶעגְט** דער זוהַר הַקָדוֹשׁ, פארוואס זענען די זְכוּתִים פונעם צַדִיק אויסגעקריצט אויף די ביינער מער ווי אין די פלייש און די אָדערן און דער הויט, זיי האבן דאך אויך זוכה געווען צוזאמען מיט די ביינער, ענטפערט דער זוהַר הַקָדוֹשׁ, ווייל די ביינער זענען ווייס, ווייל וויבאלד די ביינער און די מארך וואס אין זיי ווערן געצויגן פונעם מוֹחַ וואס איז אין קאפ, דעריבער זענען זיי ווייס, און דאס שריפט וואס מען שרייבט מיט שווארצע טינט, ווערט נאר דערקענט פון איבער אַ ווייסע בלאט, דעריבער ווערן אויסגעקריצט די זְכוּתִים פונעם צַדִיק איבער די ווייסע ביינער. אַזוי ווי די תּוֹרָה וואס איר שוֹרֶשׁ איז פון חָכְמָה, וואס דער פארמעט איז ווייס פון אינעווייניג, און דער שריפט מיט טינט איז שווארץ פון אינדרויסן, און דער זוהַר הַקָדוֹשׁ זאגט אַז אויך אויף די בְּחִינוֹת פון חָכְמָה און בִּינָה פאסט דער עִנְיָן פון שווארץ און ווייס, ווייל זיי זענען אַזוי ווי פינסטערניש און ליכטיגקייט וואס זיי זענען דִין און רַחֲמִים, וואס זיי זענען די בְּחִינוֹת פון חָכְמָה און בִּינָה.

**און** ער זאגט אַז דער אויבנדערמאנטער עִנְיָן פאסט אויך ביי די זְכוּתִים וועלכע זענען אויסגעקריצט אין די ביינער פונעם צַדִיק, אָבער די מַעֲשִׂים פון די רְשָׁעִים ווערן אויסגעקריצט מיט די צווייטע בְּחִינָה פון שווארצקייט וואס דאס איז אין בְּחִינַת מַלְכוּת וואס איז נאנט צו די חִיצוֹנִים, און דערפאר זאגט דער זוהַר הַקָדוֹשׁ, און עס איז דא אַ פינסטערניש וואס איז בלוי, וואס "תְּכֵלֶת" איז אַ לָשׁוֹן פון "כִּלָיוֹן" פארלענדונג, און די בְּחִינָה שרייבט אָפּ די זינד, און אויף דעם איז געזאגט געווארן "גַם חֹשֶׁךְ לֹא יַחְשִׁיךְ מִמֶּךָ", אויך פינסטערניש ווערט נישט פינסטער פון דיר, דאס הייסט וויבאלד פונעם אויבערשטן גייט נישט ארויס קיין שלעכטס, און דער זוהַר הַקָדוֹשׁ זאגט ווייטער, ווייל אין אֶמֶת'ן איז בלוי נאנט צום קאליר פון שווארץ, דאס איז בְּחִינַת נְקֵבָה, דאס הייסט די בְּחִינָה פון דִינִים, אַנטקעגן די ווייס וואס איז די בְּחִינָה פון רַחֲמִים.

**און** נישט נאר דאס, דאס הייסט נישט נאר וועגן דעם אויבנדערמאנטן טַעַם זענען די זינד פונעם רָשָׁע אויסגעקריצט אויף זיינע ביינער, נאר דערפאר וואס דער גוף איז אנגעגרייט אויפצושטיין מיט די ביינער וואס זענען געבליבן אינעם קֶבֶר, און וועגן דעם זענען זיינע זְכוּתִים און זינד אויסגעקריצט אויף זיינע ביינער, וויבאלד זיי זענען

ובשביל זה זכויותיו ועונותיו חקוקים על עצמותיו, כי הם ראוים להעיד, אבל הבשר הוא מצד הנחש ויכלה בעפר, ולכן אין ראוי להעיד, **וְאִם יִזְכֶּה יְקוּם גּוּפָא עַל גַּרְמִין דִּילֵיהּ** ואם יזכה אז יקום הגוף עם העצמות.

(דף ערה ע"א ברע"מ, ובביאורינו כרך טו עמ' רז-רח)

## בכח התשובה נידונים ישראל על ידי הקב"ה לבדו

**כַּד מָטֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה** כשבא ראש השנה, **יֵיתֵי סמא"ל לְמִתְבַּע דִּינָא לִבְנוֹי קַמֵּי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא** יבא הס"מ לתבוע לעשות דין על בניה של השכינה לפני הקב"ה, **וְהוּא יֵימָא לֵיהּ דְּיַיְתֵי סָהֲדִין** והקב"ה יאמר לו שיביא עדים, **וְהוּא יַיְתֵי לְשִׁמְשָׁא עִמֵּיהּ** והוא יביא עמו את השמש, ר"ל שיקטרג ויאמר הלא ששה קצוות דבחינת התפארת הנקרא שמש נפגמו בעונות ישראל והוא בעצמו מסכים על הדין, **אָזַל לְמַיְיתֵי סִיהֲרָא** והוא ילך גם להביא את הירח, היינו את המלכות שהיא גם כן פגומה מעונות ישראל, אבל **וְהִיא מִתְכַּסַּת** המלכות מתכסית, כי בתוך כך עשו ישראל תשובה, ושואל **בְּאָן אֲתַר מִתְכַּסַּת** באיזה מקום היא מתכסית, ומשיב **אֶלָּא סְלִיקַת לְהַהוּא אֲתַר** אלא היא עולה למקום ההוא **דְּאִתְּמַר בֵּיהּ** שנאמר בו **בַּמְכוּסֶּה מִמְּךָ אַל תַּחְקוֹר** שהוא הכתר, וטעם עלייתה לשם **לְפַיְּיסָא לֵיהּ עַל בְּנָהָא** כדי לפייס את הקב"ה על בניה, ואז אין אותם העונות נמסרים להס"מ, אלא נידונים בינם לבין קונם.

(דף ערה ע"א ברע"מ, ובביאורינו כרך טו עמ' רח-רט)

ע"ט

פַּאסִיג צוּ זָאגְן עֵדוּת, אָבֶּער דָאס פְלֵייש אִיז מִצַּד הַנָּחָשׁ אוּן וֶועט פַארְלֶענְדְט וֶוערְן אִין דֶער עֶרְד, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר נִישְׁט פַּאסִיג צוּ עֵדוּת זָאגְן, אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין דֶעמָאלְטְס וֶועט דֶער גוּף אוֹיפְשְׁטֵיין מִיט דִי בֵּיינֶער.

### מִיטְן כֹּחַ פוּן תְּשׁוּבָה וֶוערְן דִי אִידְן גֶע'מִשְׁפָּט דוּרְכְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין

וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קוּמְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּ פָאדֶערְן צוּ מַאכְן אַ דִין אוֹיף דִי קִינְדֶער פוּן דִי שְׁכִינָה פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט צוּ אִים אַז עֶר זָאל בְּרֶענְגֶען עֵדִים, אוּן עֶר וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי זוּן מִיט אִים, דָאס הֵייסְט אַז עֶר וֶועט מְקַטְרֵג זַיין אוּן זָאגְן, אַז דִי זֶעקְס קְצָוות פוּן דִי בְּחִינַת הַתִּפְאֶרֶת וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "שֶׁמֶשׁ" זֶענֶען נִפְגַּם גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי זִינְד פוּן דִי אִידְן אוּן עֶר אַלֵיין אִיז מַסְכִּים צוּם דִין, אוּן עֶר וֶועט אוֹיךְ גֵיין בְּרֶענְגֶען דִי לְבָנָה, דָאס מֵיינְט דִי מַלְכוּת וָואס אוֹיךְ זִי אִיז נִפְגַּם גֶעוָוארְן פוּן דִי זִינְד פוּן דִי אִידְן, אָבֶּער זִי דִי מַלְכוּת וֶוערְט פַארְדֶעקְט, וַוייל דֶערְוַוייל הָאבְּן דִי אִידְן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פְרֶעגְט, אִין וֶועלְכְן אָרְט וֶוערְט זִי פַארְדֶעקְט, אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶנְטְפֶערְט, נָאר זִי גֵייט אַרוֹיף צוּ דֶעם אָרְט וָואס אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן "בַּמְכוּסֶּה מִמְּךָ אַל תַּחְקוֹר", אִין דָאס וָואס אִיז פַארְדֶעקְט פוּן דִיר זָאלְסְטוּ נִישְׁט פָארְשְׁן, וָואס דָאס אִיז דִי בְּחִינַת כֶּתֶר, אוּן דֶער טַעַם פַארְוָואס זִי גֵייט דָארְט אַרוֹיף אִיז, כְּדֵי צוּ אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִירֶע קִינְדֶער, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶוערְן נִישְׁט אָט דִי זִינְד אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְן סַמֶ"ךְ מֶ"ם, נָאר זֵיי וֶוערְן גֶע'מִשְׁפָּט צְוִוישְׁן זֵיי אוּן זֵייעֶר בַּאשֶׁעפֶּער.

### שבח דא שירתא

עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הַקְדָּמָה פוּנֶעם סֵפֶר כִּסֵּא מֶלֶךְ אוֹיפְן תִּקּוּנֵי זוֹהַר:

דוּרְכְן לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר [תִּקּוּנֵי זוֹהַר] אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אוּן אִין דִי עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, אִיז דִי סְגוּלָה דֶערְפוּן, צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן דִי גְּאוּלָּה אוּן דֶער קֵץ הַיְשׁוּעָה, אוּן אִינְגִיכְן וֶועט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַנְטְפְּלֶעקְן אִיבֶּער אוּנְז דֶעם כָּבוֹד פוּן זַיין קֶענִיגְרַייךְ אוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט אִין יְרוּשָׁלַיִם אוֹיפְהֵייבְּן זַיין שְׁטַאנְג אוּן זַיין פָּאן.

אַזוֹי זֶענֶען דִי רֵייד פוּן דֶער וָואס אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן צְוֵויי מָאל פוּנֶעם פַייעֶר, פוּן דֶער אַרַאבִּישֶׁער קֶענִיג אוּן זַיין הוֹיפְטְמַאן אוּן זַיין מִילִיטֶער, וֶועלְכֶער לֶענְט זִיךְ אָן אוֹיף דִי חֲסָדִים פוּנֶעם צוּר יִשְׂרָאֵל וְגוֹאֲלוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. הַקָּטָן **שָׁלוֹם בּוּזַאגְלוֹ**



הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ" ע"פ "מָתוֹק מִדְּבָשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל


קלענערע סעט – מהדורת ר' הערשל וועבער
(In 7/5)


גרויסע סעט (In 9.5/6.5)

"ובלכתך בדרך"
פארמאט
70 כרכים
מהדורת ר' יוסף
צבי בערגער
(6.5/4.5 In)


פאר דעליווערי רופט:
845.664.5168